**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 'גייט ארויס און קומט זיך צוזאמען טאג' פייערונגען**

***אריינגעמיגע און צוגענגליכע טאג פון פאמיליע-פריינטליכע פארוויילונגען און הנאה ביי סטעיט פארקס און אויף פובליק שטחים אום יוני 10***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די 'גייט ארויס און קומט זיך צוזאמען טאג' (Get Outdoors & Get Together Day) וועט אפגעהאלטן ווערן אום שבת, יוני 10, 2023, מיט פראגראמען ביי מער פון 20 אויסגעוועהלטע לאקאציעס אריבער ניו יארק סטעיט צו צוזאמברענגען מענטשן מיט אדער אן דיסאביליטיס, פון יעדע עלטער, אידענטיטעט און הונטערגרונט פאר הנאה'דיגע און געזונטע אקטיוויטעטן. אלץ טייל פון סטעיט באמיאונגען צו פארברייטערן די פארשידנארטיגקייט פון די מענטשן וואס באנוצן זיך מיט די סטעיט פובליק שטחים און צו פארזיכערן אז זיי נעמען יעדן אריין, האלטן די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) און די אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation), אין צוזאמענארבעט מיט די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס (Office for People with Developmental Disabilities, OPWDD) און די דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס (Department of Veterans' Services, DVS), אפ אומזיסטע פראגראמען צו פארבינדן מענטשן צו די נאטור און צו צושטעלן פארמערטע צוטריט צו די דרויסנדיגע שטחים.

"די גייט ארויס און קומט זיך צוזאמען טאג איז א געוואלדיגע געלעגנהייט פאר ניו יארקער זיך צו אנשליסן מיט פאמיליע און פריינט און זעהן טייל פון די לאנד'ס מערסטע מערקווירדיגע און צוגענגליכע פארקס און דרויסנדיגע פארוויילונג ערטער אריבער די סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן שטעלן צוגענגליכקייט פאר מענטשן פון יעדע הונטערגרונט – מיט אדער אן דיסאביליטיס – פאר א פריאריטעט, דינט ניו יארק סטעיט אלץ א מוסטער ביים אריינגעמען יעדן און זיכער מאכן אז יעדער האט די געלעגנהייט צו זעהן און געניסן פון די סטעיט'ס שטחים."

ביי 24 פראגראמען אריבער די סטעיט וועלן אנטיילנעמער געמוטיגט ווערן צו אנטדעקן נייע סקילס און געניסן פון א רייע פון דרויסנדיגע פארוויילונג אקטיוויטעטן פאר מענטשן וואס זענען נישט ערפארן ווי צום ביישפיל כאפן פיש, שפאצירן אין די נאטור און הייקס, קוקן אויף פייגלעך, שיסן מיט פייל און בויגן, קעמפינג, פעדלינג און מער. יעדע פראגראם וועט ארויסהייבן די וועגן צו געניסן פון די אפנלופטיגקייט זיכערערהייט און מיט שטאנדהאפטיגקייט. אלע פלעצער וועלן אפפערן אן אויסוואל פון צוגענגליכע אקטיוויטעטן, און אלע פלעצער וועלן זיך באנוצן מיט ספעציעלע צוגעפאסטע עקוויפמענט און אנווייזונגען וויאזוי זיך צו באנוצן מיט זיי וועלן געגעבן ווערן ביי פילע פלעצער, אריינרעכענענדיג ספעציעלע רעדער שטולן פאר טרעילס און די ים בארטן, סטענדס צו אונטערהאלטן מענטשן ביים שיסן מיט א פייל און בויגן, א זאך צו אונטערהאלטן די הענט ביים כאפן פיש און מער.

ניו יארק'ס גייט ארויס און קומט זיך צוזאמען טאג פאלט אויס אויפן זעלבן טאג ווי דעם נאציאנאלן 'גייט ארויס אינדרויסן טאג' (Get Outdoors Day), א יערליכע געשעעניש צו מוטיגן געזונטע, אקטיווע דרויסנדיגע הנאה.די נויט צו קענען צוקומען צו נאטור און דרויסנדיגע פארוויילונג איז קיינמאל נישט געווען גרעסער. דורכאויס דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, האבן ניו יארקער זיך געוואנדן צו די אפנלופטיגע שטרעקעס און פובליק לאנד-שטחים פאר א נאטור פויזע, וואס איז א תועלת פאר פיזישע און גייסטישע געזונט. גייט ארויס און קומט זיך צוזאמען טאג פראגראמען שטיצן ניו יארקער מיט אדער אן דיסאביליטיס צו אויספרובירן געזונטע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "די DEC און אונזערע שותפים זענען איבערגעגעבן צו מאכן אז ניו יארק'ס לענדער, וואסערן און איינריכטונגען זאלן בעסער אריינעמען און ענטפאנגען יעדן איינעם און אז זיי זאלן זיין זיכער פאר אלע באזיכער. די 'גייט ארויס און קומט זיך צוזאמען טאג' איז א געוואלדיגע צייט פאר ניו יארקער אין יעדע עלטער, מיט אדער אן דיסאביליטיס, צו באקומען די ערפארונג פון דרויסנדיגע אקטיוויטעטן אויף פובליק שטחים, אנגעהויבן פון באטראכטן פייגלעך ביז הייקינג, שיפלען, כאפן פיש און פיל מער. איך מוטיג פאמיליעס זיך צו צוזאמקומען היי יאר זיך צו באטייליגן אין טייל פון די הנאה'דיגע און באגייסטערנדע פראגראמען וועלכע זענען פלאנירט פאר דעם טאג און צו פארזעצן צו באזוכן דורכאויס די גאנצע יאר."

**ניו יארק סטעיט פארקס אפיס קאמישאנער, עריק קאָלעסייד, האט געזאגט,** "דער גייט ארויס און קומט זיך צוזאמען טאג ווייזט ארויס ניו יארק'ס געוואלדיגע פובליק שטחים און פארוויילונג געלעגנהייטן וועלכע זענען צוגענגליך פאר יעדן איינעם'ס הנאה. פארקס זענען נאטורליכע פלעצער פאר צוזאמקומען פאר פריינט און פאמיליע אריבער די סטעיט, און די ניו יארק סטעיט פארקס אפיס איז פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז אלע מענטשן, מיט אדער אן דיסאביליטיס, פילן זיך היימיש ביי אונזערע פארקס און אז זיי באקומען א גלייכע געלעגנהייט צו באקומען די ערפארונג פון אלעס וואס מיר אפפערן. מיר זענען באגייסטערט נאכמאל אריינצוגיין אין א שותפות מיט אנדערע סטעיט אגענטורן צו מאכן די געשעעניש פאר א מעגליכקייט און צו פארזעצן צו פארבינדן מער מענטשן צו די דרויסן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס קאמישאנער, וויוויאנא דעקאָוהען, האט געזאגט,** "דער 'גייט ארויס און קומט זיך צוזאמען טאג' איז א ספעציעלע געשעעניש וואס אנערקענט די געוואלדיגע בענעפיטן פון פארברענגען צייט אין נאטור, באזונדערס פאר אונזערע וועטעראנען און זייערע פאמיליעס. עס איז א געלעגנהייט פאר אלע ניו יארקער זיך צוזאמצוקומען, געניסן פון דרויסנדיגע אקטיוויטעטן ווי כאפן פיש, הייקינג און קעמפינג און זיך צו פארבינדן מיט די נאטורליכע וועלט ארום אונז. דורכן ערמעגליכן מער צוטריט צו סטעיט פובליק שטחים, קענען מיר זיכער מאכן אז אונזערע וועטעראנען קענען באקומען די ערפארונג פון די כוח הרפואה פון די נאטור בשעת'ן אויך פארמערן די אריינגעמונג און פארשידנארטיגקייט פאר אלע וועלכע באניצן זיך מיט די שטחים. מיר זענען שטאלץ צו שטיצן די געשעעניש און די פאזיטיווע השפעה וואס עס האט אויף אונזערע וועטעראנען."

**ניו יארק סטעיט טשיעף דיסאביליטי אפיסער, קימבערלי היל ריידלי, האט געזאגט,** "אונזער אפיס איז אזוי באגייסטערט צו ווידעראמאל זיך באטייליגן אין דעם 'גייט ארויס און קומט זיך צוזאמען טאג' היי יאר. מיר מוטיגן שטארק אלע ניו יארקער מיט דיסאביליטיס און זייערע פאמיליעס און פריינט זיך אנצושליסן מיט אונז אויף יוני 10 ביי איינס פון די 24 פראגראמען וועלכע ווערן אפגעהאלטן אריבער די סטעיט צו געניסן פון די פילע צוגענגליכע און אריינגעמיגע אייגנשאפטן וואס אונזערע סטעיט'ס פובליק שטחים האבן צו אפפערן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס קאמישאנער, קערי נייפעלד, האט געזאגט,** "די OPWDD איז באגייסטערט ווידעראמאל צו ארבעטן בשותפות מיט די סטעיט פארקס

אפיס, די DEC און די דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס אויף דעם 'גייט ארויס און קומט זיך צוזאמען טאג' צו אפפערן אריינגעמיגע און צוגענגליכע פראגראמען ביי ניו יארק'ס אטעם-פארכאפנדע פּארקס און DEC שטחים. אונזער האפענונג איז אז מענטשן מיט אדער אן דיסאביליטיס וועלן אויסנוצן א פרייע טאג זיך צו באקענען איינער מיטן אנדערן דורך זייער געמיינזאמע ליבשאפט פון די דרויסנדיגע שטחים."

**DEC פראגראם לאקאציעס און אקטיוויטעטן:**

- לאנג איילענד: העמפּסטעד לעיק סטעיט פארק, אין צוזאמענארבעט מיט די סטעיט פּארקס אפיס (נעסאו קאונטי)
- ניו יארק סיטי: Mount Loretto Unique Area (ריטשמאנד קאונטי)
  אין צוגאב צו דעם פראגראם ביי מאַונט לאָרעטאָו, וועלן די DEC און די נאציאנאלע אקעאנישע און אטמאספערישע אדמיניסטראציע ( National Oceanic and Atmospheric Administration) אויך אפהאלטן א פראגראם פארן כאפן פיש מיט פארשידענע סארטן נעצן פון 12 מיטאג ביז 2 נאכמיטאג ביי לעמאן קריק פארק אין סטעטן איילענד, אלץ טייל פון די 'אלוועלטליכע פיש אריבערציאונג טאג' (World Fish Migration Day)/

- האדסאן וואלי: Stony Kill Farm Environmental Education Center (דאַטשעס קאונטי)
- קעטסקילס: Kenneth L. Wilson Campground (אָלסטער קאונטי)
- קעטסקילס: קעטסקילס באזוכער צענטער (אולסטער קאונטי)
- האדסאן וואלי: Norrie Point Environmental Education Center (דאַטשעס קאונטי)
- קעטסקילס: North-South Lake Campground (גרין קאונטי)
- הויפטשטאט ראיאן: Five Rivers Environmental Education Center (אלבאני קאונטי)
- עדיראַנדעקס: Ausable Point Campground (קלינטאן קאונטי)
- מערב עדיראַנדעקס: Lowville Forestry Demonstration Area (לואיס קאונטי)
- צענטראל ניו יארק: Rogers Environmental Education Center (שענענגאָו קאונטי)
- פינגער לעיקס: Mendon Ponds Park, אין צוזאמענארבעט מיט די ADK Outdoor Expo (מאנראו קאונטי)
- מערב ניו יארק: ריינסטיין וועלדער ענווייראנמענטאלע בילדונג צענטער (ערי קאונטי)

**אקטיוויטעטן ביי DEC איינריכטונגען רעכענען אריין די פאלגנדע:**

- די אל"ף בי"ת פון קעמפינג: באזיכער קענען אויספּרובירן די אל"ף בי"ת פון קעמפינג דורכן אויפשטעלן א טענט אויף די גראז און לערנען וויאזוי צו פאקן פאר א קעמפינג אויספלוג;
- באטראכטן פייגלעך: אנטיילנעמער קענען לערנען ווי גרינג און געשמאק עס איז צו געניסן פון באטראכטן פייגלעך כמעט איבעראל;
- הייקינג: אנטיילנעמער קענען נעמען א קורצע הייק און זיך אויסלערנען די הויפט כללים וויאזוי אליין צו טרעפן די בעסטע טרעילס;
- דרויסנדיגע זיכערהייט: לערנט זיך אויס די הויפט כללים וויאזוי צו זיין גרייט און זיכער כדי אלע דרויסנדיגע אוואנטורעס זאלן האבן גוטע ענדע;
- צוגענגליכע דרויסנדיגע פארוויילונג: זעהט און לערנט איבער צוגענגליכע דרויסנדיגע פארוויילונג געלעגנהייטן אויף סטעיט שטחים אריינרעכענענדיג הייקינג, קעמפינג, באטראכטן פייגלעך, כאפן פיש און שיפלען; און
- אויסגעוועהלטע לאקאציעס וועלן אויך האבן I Fish NY קליניקס צו כאפן און ארויסלאזן פיש מיט א רעדל שטעקן וועלכע זענען דא צו ארויסבארגן; פעדלען אויפן וואסער פאר מענטשן אן

ערפארונג; און שפילן מיט פייל און בויגן פאר מענטשן אן ערפארונג, אריינרעכענענדיג וויכטיגע זיכערהייט טיפס.

איינריכטונגען וועלכע זענען צוגענגליך מיט א רעדער שטול, און אזוי אויך אקטיוויטעטן און אויסדערוועהלטע פארוויילונג געלעגנהייטן ווערן צוגעשטעלט ביי אלע לאקאציעס. ביטע פארבינדט אייך מיט דעם פראגראם קאארדינאטאר דירעקט מיט צופאסונג פארלאנגען און אויסגעפונען איבער די צופאסנדע געצייג און אקטיוויטעטן אנגעבאטן ביי יעדן ארט. איינצלהייטן, אריינרעכענענדיג סקעדזשולס און רעגיסטראציע פאדערונגען, זענען פארעפנטליכט אויף די DEC'ס וועבזייטל אויף .https://www.dec.ny.gov/outdoor/113380.html

**סטעיט פארקס אפיס פראגראם לאקאציעס און אקטיוויטעטן:**

- לאנג איילענד ראיאן: סאנקען מעדאו סטעיט פארק (סופאָלק קאונטי)
- ניו יארק סיטי ראיאן: ריווערבענק סטעיט פארק (ניו יארק קאונטי)
- טעקאניק ראיאן: לעיק טאגקאניק סטעיט פארק (קאלאמביע קאונטי)
- סאראטאגע/הויפטשטאט ראיאן: סאראטאגע ספאַ סטעיט פארק (סאראטאגע קאונטי)
- סאראטאגע/הויפטשטאט ראיאן: סקאָוהערי קראָסינג סטעיט היסטארישע פלאץ (מאנטגאָמרי קאונטי)
- פינגער לעיקס ראיאן: טעגעניק פאָלס סטעיט פארק (טאמפקינס קאונטי)
- צענטראלע ראיאן: שענענגאָו וואלי סטעיט פארק (ברום קאונטי)
- דזשענעסי ראיאן: דעריען לעיקס סטעיט פארק (דזשענעסי קאונטי)
- ניאגארא ראיאן: באפעלאו הארבאר סטעיט פארק (ערי קאונטי)
- אלעגאני ראיאן: אלעגאני סטעיט פארק - Quaker Run Area ביי די Quaker Lake Bathhouse (קעטערעגוּס קאונטי)

פראגראם און סקעדזשול איינצלהייטן פאר יעדע לאקאציע קענען געטראפן ווערן דורכן באזוכן www.parks.ny.gov. קיין שום פארקינג אפצאל וועט נישט גערעכנט ווערן דורכאויס די צייט פון די פראגראמען. פאר איינצלהייטן איבער באזיכער איינריכטונגען ביי יעדע פלאץ, באזוכט .www.parks.ny.gov

די DEC איז די פארוואלטער פון קרוב צו פינף מיליאן אקער פון פובליק שטחים, אריינרעכענענדיג דריי מיליאן אקער אין די עדיראַנדעק און קעטסקיל אפגעהיטענע וועלדער, 55 קעמפינג שטחים און פלעצער צו גענוצט ווערן דורכאויס די טאג, מער פון 5,000 מייל פון אפיציעלע טרעילס און הונדערטע טרעיל אנהויב פונקטן, שיפלעך פארטן און דעקן צו כאפן פיש. פלאנירט אייער קומענדיגע דרויסנדיגע אוואנטורע און פארבינדט זיך מיט אונז אויף Facebook, Twitter, Flickr און Instagram.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס, גאָלף קורסעס, שיפלעך פארטן און מער, וועלכע זענען באזוכט געווארן דורך א רעקארד פון 79.5 מיליאן מענטשן אין 2022. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט www.parks.ny.gov, דאַונלאָודט די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפ אדער רופט 474-0456 (518). פארבינדט אייך אויך דורך Facebook, Instagram און Twitter.

די ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס שטעלט צו שטיצע און סערוויסעס פון א הויכע קוואליטעט וועלכע צענטרירן זיך ארום דעם מענטש פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס, אריינרעכענענדיג אינטעלעקטואלע דיסאביליטיס, סעריברעל פּאַלזי, דאון סינדראם,

אויטיזם ספעקטרום קראנקהייטן און אנדערע ניוראלאגישע שוואכקייטן. די OPWDD שטעלט צו סערוויסעס דירעקטערהייט און נוצנדיג א נעטווארק פון איבער 600 נאָן-פראפיט פראָוויידערס. OPWDD׳ס אויפגאבע איז צו העלפן מענטשן לעבן רייכערע לעבנס וועלכע רעכענען אריין מער באדייטנספולע באציאונגען, גוטע געזונטהייט, פערזענליכע וואוקס און א היים ארט וואס ערמעגליכט פאר זיי זיך צו באטייליגן אין זייער קאמיוניטי. פאר מער אינפארמאציע באזוכט www.opwdd.ny.gov אדער פארבינדט זיך מיט אונז אויף Facebook, Twitter און Instagram.

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס שטיצט ניו יארק'ס וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און זייערע פאמיליעס, צושטעלנדיג הילף מיטן באקומען סטעיט און פעדעראלע בענעפיטן וואס זיי פארדינען זיך צוליב זייער דינסט פאר ניו יארק סטעיט און פאר די פאראייניגטע שטאטן. פאר מער אינפארמאציע איבער בענעפיטן פאר וועטעראנען, מאכט ביטע אן אפוינטמענט מיט א DVS וועטעראן בענעפיטן אדווייזאר דורכן רופן 888-838-7697 אדער באזוכן די אגענטור'ס וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן